NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13307

KIND UN KEYT

Szneier Wasserman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שנייער וויסערמאַן
קינד און קייט
(קינדער לידער)
בוענ׳ס איירעס 1936

שניער וואסערמאן

קינד און קייט

(קינדער-לידער)

YIVO INSTITUTE ... RESEARCH INC. N.Y.

10250

אילוסטרירט פון

יאנקעל מיטלער

ארויסגעגעבן פון דער צוישא
בוענאס איירעס 1936

פרייז 1 $

דאָבעלען געווידמעט

זומער - פרייד

דער וואַלד איז גרין,
דאָס פעלד איז גרין;
גרין איז אומעטום,
אן - מע - טום !
און פון גאָלד איז די בין —
זום - זום - זום !

דער יאַם איז בלוי,
דער הימל — בלוי,
בלוי די לופט אינגאַנצן,
אינ - גאַנ - צן !
היפּ - האָפּ — אָט אזוי
גייען קינדער טאַנצן.

אויך מיר ווינטער...

אויך אַ ווינטער מיר צום טיש! —
נישט קיין שניי און נישט קיין גליטש,
נישט קיין שליטל זיך צו טאָן,
אַבי דאָס רופט זיך ווינטער אָן!

נישט קיין ווייס-באַמאָלטע שויבן,
נישט קיין אָנגעגליטער אויוון,
נישט קיין זאַווערוכעס טאַנצן, —
צו וואָסזשע טויג ער מיר אינגאַנצן?...

און אַ פאַלשער איז אונדזער ווינטער,
ביינדלט זיך און שמייכלט אונטער...
און איידער ווען און איידער וואָס,
גיט ער שוין אַ דריי אין נאָז,

אַז די אויגן גייען איבער.
און ווידער שמייכלט ער אַ ליבער,
גלייך ווי גאָרנישט — שטיל און שאַ.
אויך מיר ווינטער, כאַ-כאַ-כאַ!



גוטמאָרגן

ערגעץ פֿון די ווייטע ווייטן,
קומט פֿרימאָרגן אָן צו רייטן,
ער בינדט זיין פֿערד אין לאָרן אָן,
זאָגט ער, אַ „גוטמאָרגן” אָן.

כאַפּן באַלד זיך אויף מיט פֿרייד,
יעדער בלימעלע אין בייט,
יעדער גרעזעלע אין זאַנג
און דער פֿויגל מיט געזאַנג.

אַפֿן הויכן באַרג — דער ווינט,
און אין וויגעלע — דאָס קינד,
אַף די קעפּ אַ זונען־קראַנץ,
גייען אַלע אין אַ טאַנץ.

בלימל, גרעזעלע און ווינט,
אַלע פֿרייען זיך אַצינד,
זינגען אַלע אויס אין כאָר:
„אַ גוטמאָרגן — אַ גוט־יאָר!”

קלאפט דער ווינטער אין דער טיר

— סטוק — סטוק — סטוק! —
קלאַפּט דער ווינטער אין דער טיר.
—סטוק — סטוק — סטוק! —
קינדער שיינע, עפנט מיר!

— ס'איז צו פרי נאָך, ליבער ווינטער,
גיי געזונטערהייט!
מיר האָבן נאָך קיין שיכלעך נישט
און נישט קיין וואַרעם קלייד.

מיר האָבן נאָך קיין צודעק נישט,
אַפילע נישט קיין בעט.
און דו ביסט אַזאַ קאַלטער,
גייזשע דיר אַוועק!

— האָ — האָ — האָ! — לאַכט דער ווינטער,
איך בין נישט אַזוי שרעקלעך!
גוטע קינדער האָב איך ליב,
קנייפּ איך זיי די בעקלעך.

קינדער, וואָס זיי פאָלגן נישט,
האָב איך אויך נישט פיינט,
איך דריי זיי נאָר די אויערן אָן,
זיי זאָלן גוטע זיין.

און קינדער, וואָס זיי פוילן זיך,
די גנעזלעך ריין צו מאַכן,
מאַך איך זיי די גנעזלעך רויט,
אַז אַלע זאָלן לאַכן.

אַלע קינדער האָב איך ליב.
אָרימע נאָך מער.
דערפאַר האָב איך דעם בייזן פראָסט
נישט מיטגעבראַכט אַהער.

נישט מיטגעבראכט דעם בייזן פראָסט
און נישט דעם ווייסן שניי.
בלויז אַ גרוס, אַ ווייטן גרוס,
ברענג איך אייך פון זיי.

בלויז אַ גרוס, אַ ליבן גרוס,
פון ווייסן ווינטער-לאַנד,
וו עס וואַרט מיין שליטעלע
מיט ווייסע פערד געשפאַנט.

— סטוק — סטוק — סטוק! —
קלאַפט דער ווינטער אין דער טיר.
— סטוק — סטוק — סטוק! —
קינדער שיינע, עפנט מיר!

פיר ברידער

ווײַט, ווײַט פון שטאָט אַרויס,
וווּ די זון לעשט זיך אויס,
דאָרט אין סאַמע עק וועלט —
איז אַ קוזשניע אויפגעשטעלט.

אַ גאָלדענע קוזשניע פון ריינסטן סאָרט.
ווער'שע שמידט אין קוזשניע, דאָרט? —
דאָרטן שמידן פיר שמידער,
פיר שמידער — צווילנגס־ברידער.

וואָס אַזוינס שמידן זיי
אין דער גאָלדענער שמידעריי,
דאָרטן, וווּ די זון גייט אונטער?
דער עלטסטער שמידט דעם קאַלטן ווינטער.

דער צווייטער שמידט דעם האַרבסט, דעם פוילן.
דער דריטער, אַף צעגליטע קוילן,
שמידט דעם הייסן זומער ווידער.
און דער פערטער פון די ברידער,

גאָר דער אינגסטער פון דעם צווילינג,
שמידט פון לויטער גאָלד — דעם פרילינג.

האָט עמיץ גענומען און פֿאַרלאָשן די זון.
איז נאַכט געוואָרן אומעטום:
נאַכט אין וואַלד, נאַכט אין פֿעלד,
נאַכט — אַפֿ דער גאַנצער וועלט.

נעמט די וועלט און בעט זיך דאָס בעט
און דעקט זיך איין מיט אַ שוואַרצער דעק
און מאַכט די שיינע אויגן צו —
איי-לו-לו, איי-לו-לו!

זעט מיין זון, מיין קליינער זון,
וואָס די וועלט האָט אָפּגעטון,
אַז זי, די גרויסע וועלט שלאָפֿט איין,
גייט ער אויך אין בעט אריין.

מאַכט ער צו די אויגן זיינע —
שלאָפֿן שוין צוויי וועלטן, שיינע:
איינע אַ קליינע, איינע אַ גרויסע, —
איינע אין שטוב, די צווייטע אינדרויסן.

האָט עמיצער ווידער — אָנגעצונדן די זון,
איז טאָג געוואָרן אומעטום:
טאָג אין וואַלד, טאָג אין פעלד,
טאָג — אַף דער גאַנצער וועלט.

האָט די וועלט זיך אויפגעוועקט,
אָפּגעדעקט איר שוואַרצע דעק,
אירע שיינע אויגן אויסגעווישט
און אויפגעשטאַנען געזונט און פריש.

מייסע מיט אַ בער

(צום זיבעטן געבורטסטאָג פון מיין הערשעלעו).

הערשעלע, מיין קליינער העלד,
האָט זיך פאַר אַ בער פאַרשטעלט:
אויסגעריסט זיך, אויסגעשמירט
און אַריין אַף אַלע פיר. —

דערשרעק איך מיך: — אוי אַ קלאָג!
אַ בער אינמיטן העלן טאָג!
פונוואַנעט נעמט ער זיך, דער בער,
אינמיטן העלן טאָג, אַהער?

דורכוואַנעט קומט ער דאָ אַריין? —
ס'איז פאַר אים די טיר צו קליין!
עפּשער דורכן דאַך פון אויבן? —
אַף אַ בער איז אַלץ צו גלויבן...

שרעק איך זיך צו טאָן אַ קער —
וואָס, איר שפּילט זיך מיט אַ בער? —
איך דאַרף זיך נאָר אַ ריר צו טאָן,
שלינגט ער איין מיך זיבן מאָל.

כ׳האָב אַמאָל אַליין געהערט:
זיבן זעלנער מיט די פערד,
איינגעשלונגען האָט אַ בער
און דערנאָך געטאַנצט אַ שער...

אָט אַזוי ווי איך בין גרויס,
שלינגט ער איין און שפּייט מיך אויס
אײנגאַנצן, ווי איך שטיי און גיי,
ס׳וועט קיין האָן נישט טון קיין קריי.

ס׳וועט קיין האָן קיין קריי נישט טון
און לאַבן וועט מיין קליינער זון:
„אַז אַ טאַטע, הער נאָר, הער,
זאָל זיך שרעקן פאַר אַ בער!"

און עס וואָלט אַזוי געווען,
אָבער — ס׳איז אַ נעס געשען,
וואָס די מייסע מיטן בער,
איז אַ מייסע און נישט מער.

אַרעלע — אַרן

אַרעלע נאַרעלע, אַרעלע שויטעלע,
ווייל ער פון זאמד באַקן אַ ברויטעלע,
ווייל ער פון ליים מאַכן אַ באַרעלע,
רופט מען אים טאַקע — אַרעלע נאַרעלע.

וועט אַרעלע וואַקסן און ווערן — אַן — אַרן,
וועט ער דעם העלפאַנט אין אַ מויזלאָך פאַרשפּאַרן,
וועט ער דעם רעגן פאַרשטעלן מיט דער האַנט,
מיט אַ פינגער דערלאַנגען פון הימל — דעם ראַנד.

פון שפּינוועבס וועט ער פלעכטן פאַר לייבן אַ נעץ,
די מייז וועלן שטאַרקער זיין פון די קעץ,
העכער פון אָדלער וועלן פליען די גענדז —
טראַכט אַרעלע נאַרעלע פון דאָס און פון יענץ.

מיט אַ זיפּ וועט אַרעלע אויסשעפּן דעם יאַם,
מיט אַ בלאָז וועט ער דעמאָלט פאַרלעשן אַ פלאַם,
די זונענשטראַלן וועט ער באַהאַלטן אַף באַנאַכט,
און דאָס איז נאָך ניט אַלץ וואָס אַרעלע טראַכט...

אַ ברודערל, אַ ברודערל,
האָט מאַמע מיר געבראַכט!
אַ פּיצעלע, אַ ברעקעלע,
וויינט עס און עס לאַכט.

פּלאַפּלט עס, צאַפּלט עס,
איז פֿול דערמיט די שטוב,
כיינדלט זיך און מיינדלט זיך,
איך האָב דערפֿאַר עס ליב!

רויגעזט זיך עס, ברויגעזט זיך עס,
בריקעט מיט די פֿיס, —
קוש איך עס, האַלדז איך עס,
ס'איז דאָך אַזוי זיס!

צעוויינט עס זיך, צעשיינט עס זיך,
לאַכט אינמיטן וויינען,
ווייס איך וואָס דאָס לאַכן מיינט
און וואָס עס מיינט דאָס וויינען.

נאָר איך וויל דאָס אייך נישט זאָגן,
איר דאַרפֿט אַליין פֿאַרשטיין:
לאַכן לאַכט עס — ווייל עס לאַכט,
וויינען וויינט עס — ווייל עס וויינט...

אַ גוטער שניידער

טאַטע איז אַ שניידער,
שניידט ער מיט א שער,
וויל איך ווי מיין טאַטע זיין,
אַ שניידער פונקט, ווי ער.

נעם איך טאַטנס שער פון טיש,
ווי מיין הענטל גרויס,
שנייד איך פון פאַפּירעלעך
אַ רעקעלע מיר אויס.

נעם איך טאַטנס נעדעלע,
פעדים מיד עס איין,
ניי און שטעך דאָס נעדעלע
אין פינגערל אַריין.

גייט מיר בלוט פון פינגערל,
און שמירט מיין אַרבעט איין,
זאָגט דער טאַטע, אַז איך וועל
אַ גוטער שניידער זיין...



בין איך מיר־אַ שמידער,
שמיד איך שיינע זאַכן,
וואָס איר ווילט און ווען איר ווילט
קען איך גלייך דאָס מאַכן.

ווילט איר, מאַך איך שוין אַ באַן:
דזין־דזין־דזין!
הינטן שטייען די וואַגאָנעס,
פאָרנט — די מאַשין.

פאַרטיק שוין די גאַנצע באַן,
פו־פו־פו־ו־ו־ו!
פאָרט זי איבער די גאַנצע וועלט,
אין אַ האַלבער שאָ.

פאָרט זי איבער בערג און טאָל,
דורך גרינעם וואַלד און פעלד,
מאַכן מיר אַ שפּאַציר,
אַף דער גאַנצער וועלט.

אַוועקגעפאָרן איז די באַן,
מאַך איך שוין אַ שיפ,
דאַרפמען שטאַרק די שיפ אויסשמידן,
ווייל דער יאַם איז טיפ.

ווייל דער יאַם איז ברייט און לאַנג
און ווינטן — סאַראַ גרוויל!
און די כוואַליעס זיינען בייז,
מיט ווייסן שוים אין מויל.

ווער מיר ווינטן, וואָס מיר שוים?
אונדזער שיפ איז זיכער,
אויפגעזעצט זיך און געפאָרן,
גיכער פון אַ וויכער.

פעלט אונדז נאָך אַן עראָפּלאַן,
מאַך איך אים אַצינד,
און צום עראָפּלאַן — די פליגל,
שמיד איך אויס פון ווינט.

סאַראַ פרייד, סאַראַ פרייד,
אַזאַ שפּאַציר צו טון,
איבער דעכער, איבער וואָלקנס
סאַמע, ביז דער זון!

און פון דאָרטן אַפ צוריק,
געדוייערט שוין גאָרנישט לאַנג.
און מיר ברענגען זונענשטראַלן,
דער ערד פאַר אַ געשאַנק.



אײנס און אײנס

אײנס און אײנס איז —
צװײ.
צװײ און אײנס איז —
דרײ.
דרײ און צװײ מע שטעלט באַנאַנד —
אַזױפֿיל פֿינגער האָט די האַנט...

באַרג איך אױס פֿון צװײטער האַנט
דאָס קלײנע פֿינגערל אַלײן,
װיפֿל װעט דאָס איצטער זײַן?

שטעל איך צו אײן פֿינגער נאָך —
האָב איך אַלע טעג אין װאָך.

האָב איך מיר אַ כײעלע

האָב איך מיר אַ כייעלע —
ווילד, ווי אַלע כייעלעך,
האָט עס שאַרפֿע ציינדעלעך
און אויגן, ווי צוויי פּייערלעך.

האָט עס רויטע לעקעלעך,
אַ קורץ, פאַריסן נעזעלע,
קליינע, פלינקע פיסעלעך,
שפּרינגט עס; ווי אַ העזעלע.

מיינט איך ס׳איז אַ העזעלע? —
הויבט זיך גאָרניט אָן!
אַט שפּרינגט עס אויפֿן טיש אַרויף
און קרייעט ווי אַ האָן.

אַט מאַכט עס ווי אַ קאַטשקעלע
און פּלעסקעט זיך באַם וואַשן,
און פּונקט ווי יעדעס קעצעלע,
האָט עס ליב צו נאַשן.

און פּלאַפּלט ווי אַ פּאָפּוגיי,
ביז עס ווערט אַנטשלאָפן.
מיינט איך ס׳איז אַ פּאָפּוגיי? —
טאַקע ניט געטראָפן!

איך מיינט אַן עמעס כייעלע? —
כאַ-כאַ-כאַ, ווי שיין! —
ס׳איז דאָך גאָר אַ מיידעלע,
אַט, אַזוי אָ... קליין.

הייסן, הייסט עס כייעלע
און ס׳איז אַ ווילדע זאַך,
מעג מען אָט, די כייעלעך,
ווינטשן זיך אַ סאַך...

קאַץ און מויז

קינדער, קינדער, קומט אַרויס,
לאָמיר שפּילן קאַץ און מויז!
אַלע קינדער אין אַ קרייזל,
דו — אַ קעצל, איך — אַ מייזל.

האָט דאָס קעצל שאַרפֿע ציין,
איז דאָס מייזל פֿלינק און קליין.
קען דאָס מייזל לויפֿן פֿלינק,
אַז דער הויף זאָל טאָן אַ קלינג.

אַז אַ קלינג טאָן זאָל דער הויף,
אַט אַראָפּ און אָט אַרויף,
אַט אַרויף און אָט אַראָפּ,
און דאָס קעצל שטייט נישט אָפּ.

און דאָס קעצל — נאָך דער מויז,
אַט אַריין און אַט אַרויס,
נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ רעגע,
שאַרפֿט דאָס קעצל שוין די נעגל.

אָבער פֿלינק איז אונדזער מײַזל,
איז דאָס ווידער־שוין אין קרײַזל,
און אײדער ווען און אײדער וואָס,
בלײַבט דאָס קעצל מיט אַ נאָז...

אַ מאַטע

די מאַמע און דער טאַטע,
טרינקען ביידע אַ מאַטע.

טרינק איך אויך מיט זיי אינאיינעם
און מיט אונדז — אַלע שכנים.

אינדערפרי — אויפגעשטאַנען,
איז אַ מאַטע שוין פאַראַנען.

שפּעטער אין אַ שאָ, צי צוויי,
איז אַ מאַטע — איי-איי-איי!...

נאָכן מיטיק האָט דאָך סטאַם
יעדער מאטע — טויזנט טאַם.

און באַטאָג נאָך אַ דרימל,
איז אַ מאַטע ווי צום רומל.

פון דער אַרבעט קומט דער טאַטע,
זעצט מען ערשט זיך טרינקען מאַטע.

פאַר אַ גאַסט איז דאָך טאַקע,
די בעסטע זאַך — נאָר אַ מאַטע!

און אַ מאַטע, גלאַט אַזוי,
ווען עס טרוקנט נאָר אין מויל...



דער גאָלדענער פּאַלאַץ

קינדערלעך שטילער, קינדערלאַך שאַ!
איך וועל איך דערציילן אַ מייסע אַזאַ.
שיין איז די מייסע, וואונדערלעך שיין,
שטעלט אָן די אויערן און הערט זיך גוט איין.

אַמאָל איז געווען — טרעפט אַליין וואָס.
אַ פאַרקישעפטער פּרינץ? — ניין, גאָרנישט דאָס.
נישט פון קיין פּרינץ, איך האָט נישט געטראָפן,
דער פּרינץ איז שוין לאַנג פון פּאַלאַץ אַנטלאָפן.

דער פּרינץ איז אַנטלאָפן אויף טויזנטער מייל,
וועל איך די מייסע פון פּאַלאַץ דערציילן.
פון גאָלדענעם פּאַלאַץ, וואָס שטייט נאָך ביז היינט
און שיין איז דער פּאַלאַץ, ער פינקלט און שיינט.

קרישטאָלענע פענצטער, פון גינגאָלד די ווענט.
נאָר אויסגעפוילט איז זיין פונדאַמענט.
אונטערגעגראָבן אינגאַנצן ווי ער איז —
שטייט ער, דער פּאַלאַץ אויף הינערשע פיס.

שטייט ער דער פּאַלאַץ — קוים וואָס ער שטייט
און ציטערט פֿאַרן מינדעסטן ווינטל, וואָס ווייעט.
ציטערט דער פּאַלאַץ, סקריפּעט און קרעכצט,
די גאָלדענע ווענט — זענען אויך שוין צעלעכצט.

צעפּוילט איז דער פּאַלאַץ-ביז-צו דעם דאַך,
וועט שוין דעם פּאַלאַץ נישט העלפֿן קיין זאַך.
ס'וועט שוין נישט העלפֿן קיין זאַך אין דער וועלט,
אַ פּאַלאַץ, אַ נייער מוז ווערן געשטעלט.

דאַרפֿמען דעם אַלטן פּאַלאַץ אַפּרוימען,
פֿון פֿונדאַמענט — ביז צו דעם קוימען.
נישט לאָזן קיין ציגל, קיין שטיין אויף קיין שטיין.
אַפֿילע דאָס גאָלד, דאָס גינגאָלד אַליין,

דאַרפֿמען דאָס אויך פֿונדאַסניי איבערגיסן
און שפּעטער צום פּאַלאַץ, צו נייעם באַנוצן.
און שפּעטער צום נייעם פּאַלאַץ פֿאַרטן,
וועט לייכטן דער פּאַלאַץ העל, ווי די זון.

און זיין וועט דער פּאַלאַץ אָן שלעסער, אָן ריגלען.
בײַטאָג וועט די זון אין פּאַלאַץ זיך שפּיגלען.
בײַנאַכט — ביזן ערשטן בלאַסק אויף באַגינען,
וועט לעוואָנע דעם פּאַלאַץ אין זילבער באַשפּינען.

וועט לעוואָנע דעם פּאַלאַץ באַשטראַלן, באַהעלן
און שטערנדלעך קליינע, וועלן קוקן און קווועלן,
און וועלן זיך שפּיגלען אין גאָלדענעם דאַך.
וועט לייכטן דער פּאַלאַץ בײַטאָג און בײַנאַכט.

דער פּאַלאַץ וועט פֿינקלען, ער וועט שעמערין,
דורך-טויזנטער אָפֿענע פֿענצטער און טירן.
דורך ברייטע צעעפֿנטע טירן און פֿענצטער.
זיין וועט דער פּאַלאַץ פֿון אַלע דער שענסטער.

דער בליץ

האָט אַ וואָלקן אויבנאָן,
אויסגעשפּרייט זיך, ווי אַ פּאָן;
אַ שוואַרצע פאָן אַף בלויען זייד —
אָן אָנזאָג אַף אַ בייזער צייט.

אָן אָנזאָג אויף אַ שלעכטן וועטער.
טוליען זיך צום בוים די בלעטער,
קאָרטשעט זיך אין פעלד דאָס גראָז,
וואָיען ווינטן מיט פאַרדראָס.

רייסן זיך אַריין אין שטאָט,
דרייען, דרייען זיך אין ראָד,
מיט אַ יאָמער, מיט אַ קלאָג —
נאַכט אינמיטן העלן טאָג.

וויינען קינדער אין די וויגן,
באַהאַלטן זיך פאַר שרעק די פליגן,
מייז אַנטלויפן אין די לעכער,
אָבער העכער, איבער דעכער.

איבער טורעמס, איבער ווענט,
האָט אַ בליץ געטאָן אַ בלענד,
האָט אַ בלענד געטאָן דער בליץ
מיט זיין פייערדיקער שפּיץ.

און געטראָפן האָט דער בליץ,
זיין שאַרפע, פייערדיקע שפּיץ,
אין סאַמע מיטן האַרץ פון וואָלקן
און אויף צווייען אים צעשפּאָלטן.

און אויף צווייען אים צעשניטן,
הויבט דער וואָלקן אָן צו בלוטן,
און אויף זיין שוואַרצן סאַף דעם שווערן,
גיסט ער טרערן, גיסט ער טרערן...

היפ—האָפּ, היפּ—האָפּ,
רעגנט רעגן, טראָפּ און טראָפּ,
אַט אַ שפּרינג, ווידער שרינג,
לערנט זיך דער רעגן גיין.

וועגט ער, מעסט ער, יעדן טריט:
גיין צי ניט? גיין צי ניט?
עפּשער יאָ? עפּשער גיין?
בלײַבט ער אינדערמיטן שטיין.

ניט אַהין, ניט אַהער,
גיין איז שווער, שטיין איז שווער.
קלערט ער, טראַכט ער, וואָס צו טון,
איז ניט קיין רעגן, ניט קיין זון.

און ווי ער שטייט אזוי אינמיטן,
הערט זיך ערגעץ שווערע טריט.
און די נעמען זיך אויסשפּרייטן,
אומעטום, פון אלע זייטן.

פון די עק, פון דער מיט
גיט א לאז זיך,
גיט א שיט,
טריט,
טריט,
גיכע טריט,
מיט א פּויק, מיט טרומייטן,
בו-ום, בו-ום, טרא-טא-טא!
און עס קומט א בליץ צו רייטן.

באלד א צווייטער בליץ,
א הייסער,
ווי א רייטער,
א געניטער,
כאפּט א וואלקן פארן קארק
און גיט אים אין דער ערד א ווארף:
טרא—א—טראך! —
צעפּיצלט אים אף טויזנט שפּליטער,
א געוויטער, א געוויטער!

פּלייצט א רעגן, פּלייצט א רעגן,
איינגענומען אלע וועגן,
אלע גאסן, אלע הייזער,
טירן סקריפּן מיט געבייזער.

לאדנס טרעשטשען, פּלאצן שויבן,
דעכער ווערן אויפגעהויבן,
ביימער בויגן זיך און קארטשען,
שוואכע רייסט עס מיט די ווארצלען.

און אף הויכע טורעם-שפּיצן,
צינדן, צינדן זיך די בליצן...

אַ הויז

פינף ברידער פון איין מאַמע,
בויען זיך אַ הויז צוזאַמען:

דאָס קלענסטע ברודערל פון האַנט,
ברענגט צו טראָגן ליים און זאַמד.

דער צווייטער ברודער — קנעט דאָס אויס
און לייגט דעם פונדאַמענט פון הויז.

דער דריטער ברודער — ציגל נעמט —
בויט ער אויף הויכע ווענט.

דאַרפמען האָבן פענצטער, טיר,
מאַכט דאָס ברודער — נומער פיר.

און דער פינפטער — גראָב און קליין,
קלויבט זיך אינעם הויז אַריין...

די מייסע איז אַלט, שוין יאָרן מיט יאָרן,
דערציי̇ל איך זי הײַנט פונדאַסניי:
עס זיינען צוויי ברידער — צוויי שותּפים געוואָרן,
צוויי שותּפים אין איין בעקערייַ.

שותּפעס דער לוין, איז שותּפעס די מי,
אַף גלייך די כאַלאַקים געטיילט:
דער אינגערער שטעלט זיך צום אויוון גאַנצפרי,
דער עלטערער — כעשבנט און ציילט:

„וואָס מיינס — איז מיין, וואָס דיינס — איז מיין",
דאָס איבעריקע ווייסט איר שוין דאָך,
דער ביי̇ליק פון אינגערן ברודער ביז הײַנט.
איז טאַקע — פון בייגל דער לאַך...

וועקט די מאַמע...

וועקט די מאַמע מיך פֿון בעט:
שטיי מיין קינד אויף, ס'איז שוין שפּעט.

טו דיך אָן, וואַש זיך איין,
ס'איז שוין צייט אין שול צו גיין.

עפן איך די אויגן באַלד:
פינצטער איז אין שטוב און קאַלט.

מאַמע, מאַמע! — ווי מיר שיינט
איז די זון פֿאַרשלאָפֿן היינט...

ניין, מיין קינד, די זון פֿאַרגייט,
און גייט אויך פֿונקטלעך אויף אין צייט.

זי קלאַפּט אין אַלע טירן אָן,
זאָגט אַ העלן מאָרגן אָן.

נאָר בײַ אונדז די טיר איז קליין,
קאָן זי נישט אין שטוב אַריין.

מאַמע, וועל איך וואַקסן גרויס,
בוי איך אויף אַ ליכטיק הויז!

וועלן טירן גרויסע זיין —
אָפֿן פֿאַר דער זון און שיין.

ס'איז זיי ביידע שלעכט...

האַר און קנעכט
האָבן זיך דערפֿילט שלעכט.
שלעכט — ביטער גאַל.
ליגט זיך דער קנעכט אין שטאַל
און דער האַר ליגט זיך אויך אַוועק,
אין — אַ גאָלדן בעט.

ליגן ביידע — האַר און קנעכט.
דעם האַר איז שלעכט, זייער שלעכט! —
דעם קנעכט איז אויך ניט ווי אַמבעסטן:
דער האַר האָט ניט קיין אַפּעטיט צום עסן
און דער קנעכט האָט אויך ניט —
קיין עסן צום אַפּעטיט.

סיי ווי סיי, ס'איז זיי ביידע שלעכט:
שלעכט דעם האַר, ניט גוט דעם קנעכט...

נישט איינס, נישט צוויי...

נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, נישט פיר.
אַזויפיל קינדער זיינען מיר.
און דער טאַטע מיט דער מאַמען,
זיינען שוין — נישט זעקס צוזאַמען.

אויב די באַבע מיטן זיידן
גייען אויך אַריין אין ציילן,
האַלט צוזאַמען אויסגעמאַכט:
נישט פיר, נישט זעקס, נישט אַכט.

זעצן זיך אַוועק צום טיש,
אַט די אַלע „נישט מיט נישט"...
ווערט אויך — נישט פאַר אייך געדאַכט —
דאַס גאַנצע ברויט צענישט געמאַכט.

אַ ברייטעלע

דער טאַטע האָט אַ ברייטעלע
אין שטוב אַריין געבראַכט,
איז דאָס ברייטעלע נאָר איינס
און מיילער זיינען אַכט.

האָט די מאַמע ס׳ברייטעלע
אַף שטיקעלעך צעשניטן
איינעם גיט זי ס׳רעפטעלע,
אַ צווייטן פונדערמיטן.

און פאַרן סאַמע פּיצעלע,
וואָס האָט נאָך נישט קיין ציין,
איז גענוג פון ברייטעלע —
די סקאָרענקע אַליין...

און אַזוי האָט די מאַמע
דאָס ברייטעלע צעטיילט.
קנאַקן אַלע ציינדעלעך
און טאַנצן אַזש פאַר פרייד.

און צום סאָף ערשט — פאַר דער מאַמע,
נאָר, באַ-באַ-באַ, ווי שיין! —
ס׳האָט די מאַמע גאָר פארגעסן —
טאַקע אין זיך אַליין...



טיטאָ און פּיטאָ

טיטאָ איז אַ הינטעלע,
אַ קליינער און אַ גוטער,
טרינקט ער מילך פון אַ טעצל,
עסט ער ברויט מיט פּוטער.

און מען וואַשט אים יעדן טאָג
און מען קעמט אים אויס,
אין אַ ווייך און וואַרים בעטל
רוט זיך טיטאָ־אויס.

פּיטאָ איז אַ אינגעלע —
כאַמע הויט און ביין,
האָט ער ניט קיין ברויט צו עסן,
האָט ער ניט קיין היים.

קלויבט ער דאַרע ברעקלעך אויף,
פון יעדן מיסט און קויט
און ווערט אַנטשלאָפן אַף אַ שוועל,
כאָלעמט ער פון ברויט...

טאַשע טאַשע קיכעלעך

טאַשע טאַשע קיכעלעך,
טאַטע אַרבעט שיכעלעך,
נייט די מאַמע קליידעלעך,
פאַר די רייכע מיידעלעך.

ברודער איז אַ בעקערל,
באַקט ער זיסן לעקעכל,
שטריקט די שוועסטער זעקעלעך,
האָט זי בלייכע בעקעלעך.

און דער אַלטער זיידעניו,
ליגט אויך ווו אַ האַנט נאָך צו,
און די גוטע באָבעניו,
העלפט אים מיט אַ קרעכצעניו.

דאָס פּיצעלע אין וויגעלע,
בליפעט שטיל אַ ניגעלע:
„ה—אַ—אַ—אַ—מע—ניו"
און קיין האָס איז אַליין ניטאָ.

טאַטע איז אַ קוילנטרעגער

טאַטע איז אַ קוילנטרעגער,
איז זיין פּאָנים שוואַרץ, ווי קויל,
נאָר די אויגן, ווי צוויי פונקען
און די ווייסע ציין אין מויל.

טאַטע איז אַ קוילנטרעגער,
גייט ער אום פון הויף צו הויף,
וו ער לאָזט נאָר קוילן איבער,
דאָרטן גייען פלאַמען אויף.

זע איך ווי די קוילן ברענען,
פליען פונקען רויט, ווי צוויק,
טראַכט איך: צי דאָס זיינען פונקען,
אָדער גאָר מיין טאַטנס בליק...



ביז ווי לאנג?

שנײַדט מײַן טאַטע מיט אַ זעג,
גאַנצע זעקס װאָכנטעג,
קרעכצט די זעג אַ גאַנצע װאָך:
„אַר—בעט נאָך, אַר—בעט נאָך".

אַרבעט טאַטע איבערשאָען,
אַרבעט אויך אין טאָג פֿון רוען,
שניצט דער הובל: טשי—יר, טשי—יר,
„ניט—פֿאַר—דיר, ניט—פֿאַר—דיר!"

נעמט דער טאַטע צװאַנג און האַמער,
שלאָגט ער ברעט מיט ברעט צוזאַמען,
הילכט אָפּ דער װידערקלאַנג:
„ביז—װי—לאַנג? ביז—װי—לאַנג?"



אַ יאַנטעוו אינדערוואָכן

שטעך, שטעך, נעדעלע,
דריי זיך, דריי זיך, רעדעלע,
נאָך אַ דריי און נאָך אַ שטאָך,
נאָך אַ לאַטע אַף אַ לאָך.

נאָך אַ שטאָך און נאָך אַ דריי,
ניי, ניי און — ווידער ניי,
שוואַרצן סאַמעט, ווייסן זייד,
און דאָך בלייבסטו אָן אַ קלייד.

גיט אַ טראַכט דאָס נעדעלע
און רופט זיך אָפּ צום רעדעלע,
צו דעם אייזן, צו דער שער:
— „שטייט, און ניט געאַרבעט מער!"

דרייט זיך ניט דאָס רעדעלע,
נייט שוין ניט דאָס נעדעלע,
וויל ניט מער די נאָדל נייען,
בלייבן שער און אייזן שטיין...

בלייבט דאָס אייזן ניט צעגליט,
איז די אַרבעט אינדערמיט.
וויל די שער ניט שניידן מער
איז — ניט אַהין און ניט אַהער.

ניט געשניטן, ניט געמעסט,
ניט גענייט און ניט געפּרעסט,
ניט געלאַטעט, ניט געשטאָכן,
איז אַ יאַנטעוו אינדערוואָכן...

דער האַמער

דין—דאָן, דין—דאָן! —
ווייזט דער האַמער, וואָס ער קאָן.
וואָס זשע קאָן דער האַמער ווייזן?
האַמער קאָן אויסשמידן אייזן.

פּאַך—פּאַך, פונקען פליען,
זאָל דאָס אייזן זיך צעגליען,
זאָל עס רויט און רויטער ווערן,
יעדער פונק — אַ רויטער שטערן.

פּאַך—פּאַך, פונקען, פליט,
איצטער ווערט אַ צוואַנג געשמידט!
וואָס זשע דאַרף צו טאָן אַ צוואַנג?
קייטן רייסן, קלינג און קלאַנג...

פּאַך—פּאַך, פונקען, פליט,
איצטער ווערט אַ פייל געשמידט!
אַ פייל באַדאַרפמען, טרעפט צו וואָס?
אויפצוברעכן טפיסע-שלאָס.

פּאַך—פּאַך, פונקען, פליט,
איצטער ווערט אַ סערפּ געשמידט!
ווען דער-סערפּ אונדז שניידן ברויט,
ווערט אַ זאַטע וועלט געבויט.

דין—דאָן, דין—דאָן! —
ווייזט דער האַמער, וואָס ער קאָן,
ווייזט און וועט באַווייזן נאָך,
בלאָזט דאָס פייער, פּאַך—פּאַך!



דאָס ברויט וועט דיר געהערן

שאַרף דעם אַקער, שאַרף,
דאָס גאַנצע פעלד איז דיין,
גלאַנצן וועט דער סערפּ,
דער שניט וועט דיינער זיין!

צוים די ווינטן צוים,
שפּאַן זיי אָן באַפעל,
ס׳וועט די מיל זיך דרייען,
פאַר דיר וועט זיין דאָס מעל!

הייץ דעם אויוון הייץ,
קנעט דאָס טייג, זאָל יערן,
מאַך דאָס פייער גרייט,
דאָס ברויט וועט דיר געהערן!

איך בין אן אוישער

איך בין אַן אוישער בין איך מיר:
צו מיך געהער דער סקריפּ פון טיר,
צו מיך געהער דעם האָנס אַ קריי,
מיט אַן אויסגעבלאָזן איי.

איך האָב זיבן טעג אין וואָך
און פון בייגל — דעם לאָך
און — דעם לאָך פונעם בייגל,
אַף די דעכער — די פייגל.

אין די טייכן האָב איך פיש
און דעם ניין מיטן נישט.
און דעם נישט מיטן ניין
און צום עסן — שאַרפע ציין.

פון די קוימענס — דעם רויך,
און די וואָלקנס אינדערהויך,
דאָס גאָלד האָב איך אין דער ערד,
און די ציגן האָבן בערד...

מיינט איך שוין אַז דאָס איז אַלץ? —
איך האָב פולע גריבער שמאַלץ,
פולע קעשענעס מיט — —
מיט אַ גרויסן אַפּעטיט.

טאטע - מאמע שטרייקן

אַרבעט טאַטע, אַרבעט מאַמע,
ביידע אַרבעטן צוזאַמען:
זי מיט נאָדל, ער בײַ פּרעסן,
און ס'איז נישטאָ קיין ברויט צו עסן.

שטרייקט דער טאַטע, שטרייקט די מאַמע,
ביידע שטרייקן זיי צוזאַמען,
ביידע היטן דעם וואַרשטאַט —
זי בײַטאָג און ער בײַנאַכט.

האַטמען אײַנגעזעצט דעם טאַטן,
הינטער שלעסער, הינטער קראַטן,
היט די מאַמע דעם וואַרשטאַט,
סײַ בײַטאָג און סײַ בײַנאַכט.

יונגע בויער

מיר זיינען יונגע בויער,
בויען מיר אַ הויז,
איינער ברענגט דאָס ליים,
אַ צווייטער קנעט דאָס אויס.

אַ דריטער לייגט די ציגל,
וואַקסן הויך די ווענט,
איז אַ פרייד צו קוקן,
ווי די אַרבעט ברענט.

אַ פרייד איז יעדער ציגל,
יעדער נייער שטיין,
יעדער טראָפּן שווייס —
פאַר אונדזער נייער היים.

יעדן טראָפּן בלוט,
פון פאַרברווינטע הענט,
זאַפּן איין די ציגל,
ווערן רויט די ווענט.

—

ווערט דאָס גאַנצע הויז
באַשטראַלט פון רויטער ש י י ן
איז אַ פרייד אַזאַ,
אַ בויער צו זיין.



אינעם ברודער טאַנץ

אַט אַזוי, אַט אַזוי,
גוי און איד, איד און גוי,
טאַטער, טערק און ווער איר זיינט —
אַלע, אַלע — פאַר די הענט.

אַריער, פאַריער און סעמיט,
געלינטשטער נעגער אינדערמיט,
הייד און קאָזאַק און ציגיינער,
שוואַרצע אויגן, ווייסע ציינער.

שוואַרצע קעפ, בלאָנדע קעפ,
קורצע קרויזן, לאַנגע צעפ,
קורצע נעזער, לאַנגע נעזער
און יאַפּאַנער מיט כינעזער.

און איר אַלע, וואָס איר זיינט
מיט מאָזאָליעדיקע הענט,
פונעם דאָרף און פון דער שטאָט,
אַריינגעפלאָכטן זיך אין ראָד.

אַריינגעפלאָכטן זיך אין קראַנץ,
אינעם גרויסן, ברודער-טאַנץ,
מיטן שענסטן ברודער-ליד,
פון איד און גוי, גוי און איד.

צו אַ נייעם לאַנד

מיר גייען צו אַ נייעם לאַנד,
אָן אַ וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ זעקל אַף די פּלייצעס
און מיר פרעגן נישט, ווי ווייט ס'איז.

און מיר ציילן נישט די טעג.
שוואַכע פרעגן: „צי מען מעג?"
צווייפלער קלערן: „יאָ צי ניין?"
שטאַרקע גייען! שטאַרקע גייען!

און די שטאַרקע זיינען מיר,
ווייל מיר זיינען אָן אַ שיר,
ווייל מיר זיינען אַלע יונג,
און פאַר אונדז גייט אויף די זון.

און פֿאַר אונדז די ערד צעבליט,
גייען מיר מיט פֿעסטע טריט,
שפּאַנען מיר — זאָל זיין געשפּאַנט,
אָפּגעשטעלט — איז ווי אַ וואַנט.

נאָר מיר בלייבן לאַנג נישט שטיין,
אָפּגערוט, און ווייטער גיין.
אַז מיר גייען האַנט-אין-האַנט,
קומען מיר צום נייעם לאַנד!

דער זיידע מענדעלע און זיינע אייניקלעך

אונזער זיידן מענדעלע —
ווער האָט אים דען נישט געקענט? —
ער פלעגט דאָך מיט זיין בידנער „קליאַטשע",
אויספאָרן אַ וועלט.

וו אַ שטאָט, אַ שטעטעלע,
איז ער דאָרט געווען.
זיינע שיינע, קלוגע אויגן,
האָבן אַלץ געזען.

און וואָס דער זיידע האָט געזען,
האָט ער דאָס באַשריבן,
איז דערפאַר פונעם זיידן
שיינע מייסעס, אונדז פאַרבליבן:

אַ מייסע אַזאַ, פון אַ „קליאַטשע“,
וואָס האָט זייער פיל געליטן —
אַז דער „קליאַטשעס“ דאָרן רוקן,
זיינען אַלע אומגעריטן: —

„דאָס קליינע מענטשעלע“, דער „באַלטאַקסע“,
גלאַט אַזוי „שייע לייט“.
און נאָך אַסאַך אַזעלכע מייסעס,
האָט דער זיידע אונדז דערציילט.

איצטער, ווען דער ליבער זיידע
האָט זיך ווייט פון אונדז פאַרקליבן,
האָבן זיינע אייניקלעך,
נייע מייסעס אָנגעשריבן.

דערציילט מען פונעם יידנס לאַנד
נייע, וואונדערלעכע מייסעס,
ווי די „קליאַטשע“ האָט עס דאָרט,
אַראָפגעוואָרפן פון זיך די לייצעס.

אַראָפגעשליידערט דעם „באַלטאַקסע“
און „דאָס קליינע מענטשעלע“.
און פאַר פרייד, נעמט „דאָס קעלבל“
און לאָזט זיך גיין אַ טענצעלע.

העצקעט עס ארום אין פעלד,
צווישן בייטן, ווייץ און קאָרן,
ווו אונדזער „פישקע דער קרומער“
טרייבט איצט אָן מיט די טראַקטאָרן.

אָט אַזעלכע שיינע זאַכן,
איז אין יידנס לאַנד פאַרלאָפן;
דערציילן זיינע אייניקלעך,
אַז זיי האָבן אויך געטראָפן.

דעם גרויסן וואַנדערער, ביניאָמין
און זיין כאַווער, סענדער,
וואָס זיינען ווייט שוין, ווייט פאַרגאַנגען:
ביז די — „רויטע פעלדער“.

א מייסע מיט צוויי הענער ווייסע

ס'איז אן אלטע — נייע מייסע,
מיט צוויי הענער — מילך-ווייסע,
מילך-ווייסע הענער צוויי,
הערט די מייסע וועגן זיי.

איז די מייסע אַזוי פארלאָפן:
צוויי הענער האָבן זיך געטראָפן,
ערגעץ, אַף אַ בערגל מיסט
און זיי האָבן זיך באַגריסט.

— ווי באַגריסן זיך הענער צוויי?
דער אַ קריי, דער אַ קריי.
און דאָס הייסט אַף הענער לאָשן:
ס'איז גוטברודערשאַפט געשלאָסן.

און עס גייט אַוועק אַ שמועס,
וועגן יענץ און וועגן דאָס,
גלאַט אַזוי, פֿון וואָס נישט איז
און דערווייל — אַ פּיק אין מיסט.

דער אַ פּיק, דער אַ פּיק,
און אויסגעפּיקט — אַן אַנטיק:
אַ ווערימל, אַזוינס און אַזוינס,
צאַפּלדיק פֿון מיסט אַרויס.

הויבט זיך אָן אַ נייע מייסע:
ווער פֿון די הענער, די ווייסע,
ס'זאָל דאָס ווערימל, דאָס פּיצל,
פֿון אַלדעם בייז באַשיצן.

טיינעט יעדער האָן זיין טיינע:
דער זאָגט, דאָס ווערימל, דאָס קליינע,
איז געוואַקסן אַף זיין מיסט.
זאָגט דער צווייטער — דאַווקע נישט,

דאָס ווערימל קומט פֿון זיין מיסט אַרויס.
אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס,
אַ וואָרט פֿאַר אַ וואָרט —
און אויסגערעכנט, וואָס אין דער קאָרט.

אויסגעמישט זיך מיט דער ערד.
רייסט מען זיך שוין פֿאַר די בערד,
פֿאַר די קריינען, פֿאַר די קעפּ.
און די בעסטע קלעפּ,
כאַפּט דערווייל אַריין —
דאָס ווערימל אַליין...

און דער סאָף פֿון דער מייסע,
מיט די הענער, די ווייסע? —
ס'האַלט נאָך אַלץ אינמיטן קריג.
און ווער פֿון די הענער ס'זאָל אַרויס מיט אַ זיג,
איז צום ווערימל שוין סיי ווי סיי —
אַז אַך און וויי...

עס האָבן זיך בײדע: די הון מיטן האָן,
פאַר קעניגן זיך אָנגעטאָן.
זי — אין ווייסן הינער-קלייד,
פון דעם בעסטן זייד געניית.

פון דער רעכטער זייט — אַ שלייף,
פון דער לינקער מיט אַ שטרייף,
פאָרנט — גרויסע זילבער-קנעפּ,
הינטן, מיט אַ לאַנגער שלעפּ.

ער, זיין מאַיעסטעט, דער האָן,
אויסגעפּוצט זיך ווי צום טראָן:
אין אַ קעניגלעכן פראַק,
מיט אַ רויטן אונטערשלאַק,

מיט אַ גאָלדן קעלנערל,
שפּאַנט ער, ווי אַ זעלנערל...
אַפן קאָפּ — אַ רויטן מיצל,
סאַמע אויבן, מיט אַ שפּיצל,

גייען זיך בײדע: די הון מיטן האָן,
ער, דער קעניג — אויבנאָן,
זי, פון הינטן מיט דער שלעפּ
און לויט דער גאַנצער עטיקעט.

גייען נאָך איר טאָג און נאַכט,
שקלאַפנס הינדלעך, זאַלבע אַכט:
פון רעכטס צו פיר, פון לינקס צו פיר
און טראָגן נאָך די שלעפּ נאָך איר.

בויגן אינדיקעס די קעפּ,
פאַר דער קעניגלעכער שלעפּ
און אַ גרויסע, פעטע גאַנדז,
דרייט זיך אין אַ מיצווע-טאַנץ...

נאָר די קאַטשקעס — פּלוידערזעק,
דרייען עפּעס מיטן עק,
און לויט די קאַטשקישע רעגילעס,
אַנצופּלוידערן רעכילעס...

איז דער קעניג: „אַז אָך און וויי,
ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי".
און די קעניגן: „אַז וויי און אָך,
איז גלאַט אַזוי אַ גרויסער שלאַך"...



אכט זיך קעצעלע פאר קראנק

מאַכט זיך קעצעלע פאַר קראַנק
און עס לייגט זיך אינעם בעט,
טוט דער קאָטער אָן דיברילן
און פאַרשרייבט עס אַ רעצעפּט.

רעכנט קאָטער אויס אַ צעטל,
וואָס דאָס קעצל מעג און טאָר נישט:
ווייניק עסן, ווייניק טרינקען
און נאַשן טאָר דאָס קעצל — גאָרנישט.

מילך — טאָר עס נישט פאַרזוכן,
קעז — קען שאַטן צו דעם מאָגן.
רויק ליגן נאָר אין בעט
און נאָך מייזלעך זיך נישט יאָגן.

האָט דאָס קעצל זיך פאַרנויגט:
„אַדאַנק הער דאָקטער, אַ גרויסן דאַנק!"
„אויב נישט צו נאַשן און נישט צו לעקן,
וואָסזשע לוינט צו ליגן קראַנק?"

דער בער

וווינט דער בער אין אַ הייל,
האָט די הייל — זיבן מייל.
אין דער הייל איז דאָ אַ טיר,
האָט די טיר — מיילן פיר.

הענגען דאָרטן זיבן שלעסער,
איינער פונעם צווייטן גרעסער,
האָט דער קלענסטער אַקוראַט —
טויזנט מעטער אין קוואַדראַט.

שלאָפט דער בער אין אַ בעט
איז עס ברייט און לאַנג — אַ שרעק.
אויפן בעט, דאָס קישן בלויז,
האַלט אַליין — אַ מייל די גרויס.

עסט דער בער אין אַ שיסל,
האָט די שיסל פון אַלץ אַביסל:
אַ האַלב טוץ אָקסן, אַ טוץ מיט האָזן,
און אַ סטויג מיט ווילדע גראָזן.

אַז דער בער טוט אַ טרונק,
שלינגט ער איין מיט איין שלונג.
לעקט ער אויס מיט איין לעק,
אַ גאַנצן טייך פון ברעג צו ברעג.

און עס וואָלט אַזוי דער בער,
איינגעשלונגען מער און מער,
ווייל דער בער איז שטאַרק און גרויס,
נאָר — די מאַיסע איז שוין אויס...

קו-קו-רי-קו, האָן! —
וואָס זאָגט דיין קרייען אָן?
— די נאַכט הויבט אָן פֿאַרגיין,
איז צייט שוין אויפצושטיין!

קו-קו-רי-קו, האָן! —
וואָס-זשע קומט איצט אָן?
— איך וועק פֿון שלאָף די וועלט,
אַ רויטער מאָרגן העלט!...

דריי קעצלעך

האָט די קאַץ דריי קעצלעך, דריי פּיצלעך געהאַט,
האָב איך צו די קעצלעך דריי נעמען צוגעטראַכט:
דאָס שוואַרצע רוף איך נעגערל,
דאָס ווייסע רוף איך שלעגערל
און דאָס ראַבע קעצלע — רוף איך אַן מולאַט.

פּאַסן צו די קעצלעך די נעמען זייער גוט.
שלעגערל
און נעגערל
דראַפּען זיך ביז בלוט...

און דאָס דריטע הייסט מולאַט,
דערפאַר, ווייל ס'איז געראָטן:
אַביסל אין דער ווייסער קאַץ,
אַביסל אינעם שוואַרצן קאָטער.



מייזעלע, קעצעלע, הינטעלע.

מיזל מייזל מייזעלע,
וואָס-זשע ווילסטו, זאָג? —
עסן וויל דאָס מייזעלע,
איז צום קעז אַ קלאָג.

קיזל קעצל קעצעלע,
פון קאַצנלאַנד אַרויס,
עסן וויל דאָס קעצעלע,
איז אָך און ווי דער מויז.

הינטל הינטל הינטעלע,
הינטעלע וויל עסן,
אַז הינטעלע וויל עסן,
לאָזט עס אויס צום קעצל...

ווייל אַ באָבע איז אַזוי...

די באָבע קרעכצט. ווען קרעכצט זי נישט?
היינט — ווייל ס׳טוט איר ווי דער קריזש.

נעכטן האָט זי געקרעכצט פאַר דאָס,
ווייל איך האָב מיר צעקלאַפּט די נאָז.

און פעלט איר היינט אַביסל זאָרגן,
באָרגט זי אויס אַ קרעכץ פאַר מאָרגן...

צומיינסטן קרעכצט זי איבער מיר:
„אוי, ווי האַלט מען אויס פון דיר?"

„ס׳איז נישט קיין קינד, נאָר אַ שעד!"
און אינדערפרי — איך ליג אין בעט,

קושט זי מיך, גלעט זי מיך,
און גיט אַ קרעכצל, אַזוי, אין זיך...

קום איך פון דער שול צו גיין,
איז: „מיר זאָל זיין פאַר דיין געביין.״

נאָר ווייל איך מיך צעזונגען הויך,
קרעכצט זי ווידער: „ער שפּאַלט דעם מויעד״.

וויין איך, איז אַוואַדע — „אוי,
דער טאַכשיט מאַכט מיך אַלט און גרוי״.

קרעכצט די באָבע בײַ יעדער זאַך:
פאַרוואָס איך וויין, פאַרוואָס איך לאַך.

פאַרוואָס איך טאַנץ, פאַרוואָס איך לויף,
פאַרוואָס איך שטיי גאַנצפרי נישט אויף.

און גלאַט אַ קרעכצל: „ווײ און אוי,״
ווייל א באָבע איז אַזוי...

א בריוועלע.

צו מיין באָבעניו אין ליטע!
איך, דיין אייניקל, איטע,
שרייב אַ בריוועלע צו דיר.
ווייס איך נישט פון וועלכן פריער,
איך זאָל דאָס בריוועלע אָנהויבן.
איך האָב אַזוי פיל וואָס צו שרייבן!
פון מיין פופּע, פון מיין הינטל,
פונעם גוטן פרילינגס-ווינטל.
און אַביסעלע פון מיר אַליין:
איך האָב אַ קליידעלע, אַ שיינס,
אַ נייס, נאָר וואָס איבערגענייט.
פון דער מאַמעס אַן אַלטן קלייד.
איך גיי יעדן טאָג אין שול,
פאָלגן, פאָלג איך, ווי אַמאָל,

איך קען שיינע לידער זינגען:
„און די וועלט וועט ווערן אינגער״...
ווערסטו, באָבעניו אויך אינגער ווערן?
וועסט מער נישט האָבן קיין געקנייטשטן שטערן,
וועסט קיין גרויע האָר נישט האָבן,
וועסטו זיין אַ יונגע באָבע.
וואָסזשע זאָל איך שרייבן מער?
די מאַמע אַרבעט אין „טאַוושער״,
דאָס הינטל שלאָפט אַצינד אין בעט,
דעם טאַטן האָט מען איינגעזעצט,
פאַר אַ שטרייק אין זיין פאַבריק.
מען זאָגט: — מען וועט אים שיקן צוריק,
צו דיר, באָבעניו, קיין ליטע.
פון מיר, דיין אייניקל, איטע,
וואָס שיקט דיר אַ סאַך, אַ סאַך גרוסן.
יאָ, דער טאַטע לאָזט דיר וויסן,
דו זאָלסט פון גאָרנישט איבערקלערן.
ער זאָגט: „ס׳וועט נאָך בעסער ווערן...״

אַז דער זיידע לייענט דאָס בלאַט

אַז דער זיידע לייענט דאָס בלאַט,
זיצט די באָבע און הערט זיך צו.
זי שטעלט די אויערן אָן און גאַפּט:
„טאַקע, אזוי... נו—נו—נו!

הייסט עס, אַז מען שלאָגט זיך ווידער.
אַ מילכאָמע... אײַ-אײַ-אײַ!
ברידער שלאָגן זיך מיט ברידער —
ווזשע איז דאָס? אין טערקיי?

האַ? — אין אַפריקע, אין ווייטן.
אַ לאַנד אַזאַ? — אַ-בי-סי-ניע...
אַך, דערלעבט זיך גוטע צייטן.
און אַלץ אָ דער, מוסאָליני?...

אַזוי, אַזוי, אַ פאַשיסט?
יאָ, כ'פאַרשטיי: אַזאַ באַנדיט...
האַרגעט מענטשן אומזיסט, אומנישט
און פאַרגיסט טייכן בלוט!

נו, די וועלט? זי שווייגט און שוין,
ס'הויבט איר גאַרנישט אָן צו אַרן?
מען וואָלט באַדאַרפט אַזאַ פאַרשוין,
נאָר אין טפיסע צן פאַרשפאַרן.

מײַן באָבע

איך װעל אַ שיפל מיר אױסבױען,
װעל איך איבער יאַמען שװימען.
װעל איך אין דעם לאַנד, דעם װײַטן,
פון מײַן אַלטער באָבען קומען.

װעט די באָבע יענעם טאָג,
אױפשטײן באַלד באַגינען,
אַף איר שטעקן אָנגעשפּאַרט,
װעט זי צו מײַן שיפל קומען.

װעל איך צװישן טױזנטער
מײַן באָבען גלײַך דערקענען:
זי האָט גרײַז־גרױע האָר
און לאַנגע, גרױע ברעמען.

זי האָט אײַנגעפאַלענע באַקן,
פול מיט קנײטשן איז איר שטערן,
מיט בלױע אָדערן די הענט
און די אױגן פול מיט טרערן.

וועל איך גלעטן איר די באַקן,
זי וועט וויינען אויף זיך פרייען,
שפּעטער וועל איך אויף מיין שיפל,
פירן זי צו אונדז אַהיים.

זי וועט מייסעס מיר דערציילן,
ווען מיין שיפל וועט זיך שיפן.
און די כוואַליעס וועל איך הייסן
רויק זיין, נישט צופיל שטיפן.

און דער זון וועל איך הייסן,
זי זאָל שיינען נאָכאַנאַנד,
ביז איך וועל מיין באָבען ברענגען,
פון דעם ווייטן, ווייטן לאַנד.

מיין טאַטע, מיין קראַנקער טאַטע,
אַף די אויגן מיט בלעכערנע ברילן,
האָט פויערישע פעלצן געלאַטעט
און אַ ניגן געקרעכצט אינדערשטיל.

דערביי מיט איין פוס פאַרוויגט,
דעם זיבעלע צווילינג אין וויגל.
און זיין קאָל האָט די אַסטמאַ געשפּילט,
געפייפט און געכריפּעט אַ ניגן.

מיין מאַמע פלעגט העל[illegible] פאַרדינען:
זומער — מיט פויער[illegible]מ[illegible]רדן,
פלעגט זי פון גרויע[illegible]
פאַרן פאַרעץ די טו[illegible]רדן.

ווינטער — דער פראָסט האָט געברענט
און מיט אייז געקאָוועט די שויבן,
פלעגט די מאַמע מיט פאַרפרוירענע הענט
האָלץ אינעם וואַלד אויפצוקלויבן.

שפעטער — דאָס האָלץ אין אַ בינטל,
צום נעגידשן שאָכן פאַרקויפן.
דערפאַר פארן גאַנצן געזינדל,
אַ זעלנעריש ברויט איינצוקויפן.

האָט די מאַמע דאָס ברויט איינגעטיילט.
ווי לעקעך„ פאַר יעדן אַ ביס.
מיר, קינדער פלעגן טאַנצן פאַר פרייד,
טאַנצן מיט באָרוויסע פיס.

אינהאלט:

זומער־פרייד — — — — — — — — — — — — — — 5
אויך מיר ווינטער — — — — — — — — — — — 6
גוטמאָרגן — — — — — — — — — — — — — — 7
קלאָפּט דער ווינטער אין דער טיר — — — — — — 8
פיר ברידער — — — — — — — — — — — — — 10
נאכט — — — — — — — — — — — — — — — 11
טאָג — — — — — — — — — — — — — — — 13
א מייסע מיט א בער — — — — — — — — — — 14
ארעלע־ארן — — — — — — — — — — — — — 16
וויינט עס און עס לאכט — — — — — — — — 17
א גוטער שניידער — — — — — — — — — — 18
בין איך מיר א שמידער — — — — — — — — 19
איינס און איינס — — — — — — — — — — 21
האָב איך מיר א בייעלע — — — — — — — — 22
קאַץ און מויז — — — — — — — — — — — — 23
א מאַטע — — — — — — — — — — — — — — 25
דער גאָלדענער פּאלאַץ — — — — — — — — — 26
דער בליץ — — — — — — — — — — — — — 28
א נעוויטער — — — — — — — — — — — — 30
א הויז — — — — — — — — — — — — — — 32
דער לאָך פונעם בייגל — — — — — — — — — 33
וועקט די מאמע — — — — — — — — — — — 34
ס'איז זיי ביידע שלעכט — — — — — — — — 35
נישט איינס, נישט צוויי — — — — — — — — 36
א ברייטעלע — — — — — — — — — — — — 37
טיטאָ און פּיטאָ — — — — — — — — — — 38
טאָשע טאָשע קיכעלעך — — — — — — — — — 39
מאַטע איז א קוילנטרעגער — — — — — — — 40
ביז ווי לאנג — — — — — — — — — — — — 41
א יאָנטעוו אינדערוואָכן — — — — — — — — 42
דער האַמער — — — — — — — — — — — — — 43
דאָס ברויט וועט דיר געהערן — — — — — — — 44
איך בין אן אוישער — — — — — — — — — — 45

טאטע־מאמע שטרייקן — — — — — — — — — — — — 46
יונגע בויער — — — — — — — — — — — — — — 47
אינעם ברודער־טאנץ — — — — — — — — — — — 49
צו א נייעם לאנד — — — — — — — — — — — — — 50
דער זיידע מענדעלע און זיינע אייניקלעך — — — — 52
א מייסע מיט צוויי הענער ווייסע — — — — — — — 54
אין הינערשטייג — — — — — — — — — — — — — 56
מאכט זיך קעצעלע פאר קראנק — — — — — — — — 58
דער בער — — — — — — — — — — — — — — — 59
קו קו־רי־קו... — — — — — — — — — — — — — 61
דריי קעצעלעך — — — — — — — — — — — — — 62
מייזעלע, קעצעלע, הינטעלע — — — — — — — — — 63
ווייל א באבע איז אזוי — — — — — — — — — — — 64
א בריוועלע — — — — — — — — — — — — — — — 66
אז דער זיידע לייענט דאס בלאט — — — — — — — 68
מיין באבע — — — — — — — — — — — — — — — 70
מיין קינדער־פרייד — — — — — — — — — — — — 72

Este libro acabó de imprimirse en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Calle Junin 344, el 23 de Mayo de 1936.

"KIND UN KEIT"

(Poesías para Niños)

— DE —

S. WASERMAN

BUENOS AIRES

Mayo 1936